UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
A Shtiler Vinkl Fun Yidishkayt (Di Grupe “Hemshekh”) / A Quiet Corner of Yiddishkayt (The Group  “Hemshekh” (“Continuity”)

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/8376k4fq

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

Author
Rin, A.

Publication Date
1978

Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# „המשך״ — אַ שטילער ווינקל פון יידישקייט

מיט צען יאָר צוריק זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ פּאָר צענדליק בריוו צו באַקאַנטע מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען. אַ טייל פון דעם בריוו האָט זיך געלייענט: „שמואל ניגער האָט אַמאָל געשריבן: ׳פון אַ פאָלק פון לערנער זיינען מיר געוואָרן אַ פאָלק פון לייענער׳.״

לערנען בציבור איז אַן אַלטע יידישע טראַדיציע. ס׳זיינען געווען חברהס ווו מ׳האָט געלערנט משניות, עין יעקב, פרקי אָבות א״א. מ׳האָט ניט געלייענט נאָר טאָקע געלערנט. מ׳האָט יעדער שורה פאַרטייטשט און מסביר געווען. ס׳איז געווען אַ פאָלקס תלמוד תורה אַרויסגעוואַקסן פון פאָלק, כדי צו האַלטן לעבעדיק יידיש־שאַפונג און יידיש־וויסן. ווייל בלויז לערנענדיק קען מען אַרויסבאַקומען דעם מאַקסימום פון דעם געשריבענעם. אפשר, ווייל לערנענדיק, אַנדערש ווי ביים לייענען, נוצט מען אַחוץ דאָס אויג אויך דעם אויער און לשון, און דער מוח ווערט מער אָנגערעגט פון דאָס געהערטע.

אין דעם בריוו איז אויך געווען געשריבן: ס׳איז אונדזער גוטער מזל וואָס מיר האָבן דאָ ביי אונדז אין שטאָט אַ ייד אַ תלמיד חכם, אַ מומחה אין דער אַלטער יידישער שאַפונג, אַ קענער פון העברעיש און יידיש און אויך פון שפּראַכן פון וועלכע יידן האָבן געשעפּט — ר׳ זאב וואָלף סאַלעס. און ער האָט איינגעוויליקט צו לערנען מיט אַזאַ גרופּע און אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דער שיעור. סאַלעס האָט דאָס אַ נאָמען געגעבן „המשך״. ס׳איז געווען אַן אינערלעכער געפיל ביי די באַטייליקטע אָפּצופרישן דעם גירסא דינקותא, דאָס וואָס מ׳האָט אַמאָל געלערנט און נאָך דעם זיך דערווייטערט פון דעם. מען האָט איינגעשטעלט אַז יעדן פרייטיק, 10 אַזייגער אין דער פרי, קומען זיך צוזאַמען אַ פּאָר מנינים חברים און חברות, אַמאָל מער, צו לערנען בציבור.

פרייטיק, דעם 30טן יוני, 1978, האָט די גרופּע געפייערט 10 יאָר עקזיסטענץ. אַנשטאָט דעם שטענדיקן שיעור האָט מען געמאַכט אַ שמחהלע און פאַרבעטן עטלעכע חשובע יידן, תלמידי חכמים, וועלכע פאַרשטייען ווי אָפּצושאַצן אַזאַ ענין. מ׳האָט ניט געמאַכט קיין גרויסע פאַרזאַמלונג, בלויז שיעור־מענטשן, און מ׳האָט זיך משמח געווען.

ס׳זיינען אויך געקומען סאַלעס צוויי טעכטער, מרים און צילי. אויך זיין פרוי רבקה, וועלכע איז פון איר קראַנקן בעט געקומען בייצוזיין כאָטש אַ קורצע צייט ביי דער שמחה. מ׳האָט רבקהן געווונטשן אַ רפואה שלמה.

* * * * *

אין די צען יאָר האָט סאַלעס מיט אונדז געלערנט פון העברעיש אויף יידיש, אָנצורופן בלויז עטלעכע: דעם כוזרי, עיקרים, די פינף מגילות, (אַריינגערעכנט שיר השירים), שמונה פרקים פון רמב״ם און ספר תהילים.

דער איניציאַטאָר פון דער גרופּע, אַלעקס ראַבין, האָט געפירט דעם פּאַרזיץ. אין זיינע אַריינפיר־ווערטער האָט דער פאַרזיצער דערמאָנט עטלעכע הויך־מאָמענטן פון דעם שיעור אין די צעהן יאָר און אונטערגעשטראָכן אַז אין דער אמתן פייערט מען היינט אַ צווייענדיקע שמחה, און אַז די צווייטע שמחה איז דער עיקר: ס׳איז דער סיום פון סאַלעס איבערזעצונג אויף יידיש פון דעם רמב״מס „שמונה פרקים״, וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פון דרוק. דאָס בוך איז אין ביידע שפּראַכן׳ זייט ביי זייט, ווי אין אַנדערע איבערזעצונגען פון ספרים.

ווייטער האָט דער פאַרזיצער אַרויסגעבראַכט, אַז די צוויי שמחות — 10 יאָר שיעור און דער סיום פון דער איבערזעצונג, זיינען ענג פאַרבונדן צווישן זיך. ווען ניט „המשך״ וואָלט אפשר סאַלעסן ניט איינגעפאַלן צו איבערזעצן דעם רמב״מס „שמונה פרקים״. ער האָט געמאַכט די איבערזעצונג פרק נאָך פרק, צוגרייטנדיק דעם שיעור. און האָבנדיק אַריינגעלייגט אין דעם אַזוי פיל מי, געדולד, פאַרשונג און ליבשאַפט, האָט ער זיך באַטראַכט, אַז ס׳איז כדאי דאָס אָפּצודרוקן.

ווען מיר, די חברה פון „המשך״, האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם (איך וויל ניט

מאריך זיין ווי אַזוי מיר האָבן זיך דער־ווּסט, ווייל סאַלעס אַליין איז געווען צו באַשיידן דאָס פאַרצושלאָגן) האָבן מיר געשאַפן די פינאַנציעלע מיטלען כדי דאָס מעגלעך צו מאַכן. אַזוי אַז דער ספר איז אַן אַרויסוווּקס פון דעם שיעור און די חברים פון „המשך" האָבן אין דעם אַ דירעקטן און אומדירעקטן חלק. און דאָס מאַכט די שמחה פאַר אונדז גרעסער.

ס'האָבן גערעדט: ר' משה הירש, עמנואל גאָלדפאַרב, סימע קאַרפּ, שמואל סיגל, דר. בערנאַרד פישער, יצחק אריה ביידין, אַ 96 יאָרקיער ייד, וועמעמס גדאַנק איז נאָך לויטערער ווי ביי אַ סך יינגערע, און יהודה וואָלפסאָן. אַלע האָבן אויף פאַר־שיידענע אופנים אַרויסגעבראַכט די וויכ־טיקייט פון לערנען פון די אַלע יידישע אוצרות, אַז ס'דערנענטערט צו יידישקייט, העלפט שאַפן די מחשבה, און ועל כולם, אַנטוויקלט די שיינע מידות פון מענטש צו מענטש, וואָס איז אַן עיקר אין יידישער מחשבה פון אַלע צייטן; און אַז סאַלעס איז כל ימיו מרביץ תורה און אַז דאָס איז אַ טייל פון זיין לעבן. ער האָט אויך גע־געבן אַ שיעור אין העברעיש.

צום סוף האָט דער פאָרזיצער געבעטן סאַלעסן ער זאָל אויך עפּעס זאָגן. פאַר־שטעלנדיק סאַלעסן האָט ער געזאָגט, אַז די גרויסע הנאה וואָס די תלמידים האָבן פון ר' סאַלעס לעקציעס איז ניט נאָר פון אינהאַלט, נאָר אויך פון זיין לינגוויזם. ער גיט די ווערטער אַריין אַ נשמה. אַ מומחה אין די מקורות, אויסדרוקן און אידיאָמען, מאָדערנע און אַלטע, קלערט ער אויף ווי אַזוי די זעלבע ווערטער האָבן פאַרשיידענע טייטשן צוליב דעם צימצום אין ווערטער. ער ברענגט ראיות פון פאַרשיידענע קוואַלן און דערביי פאַר־טיפט ער דעם אינהאַלט פון דער טעמאַ־טיק. ערשפּילט מיט שפּראַך ווי אַ קינסט־לער אויף אַן אינסטרומענט. און נאָך עפּעס — זיין ליבשאַפט צו דעם וואָס ער לערנט. מ'פילט זיין ליבשאַפט צו די אויסדרוקן, צום לשון, ווען ער זאָגט דאָס אַרויס. מ'פילט דעם טעם אויף זיינע ליפּן, אויף זיין פּנים.

נאָך היינט, ביי זיינע עלטערע יאָרן, ווערט ער באַגייסטערט פון אַ סטראָפע, פון אַ זאַץ, פון אַ ווערטער־שפּיל. מיר האָבן דאָס באַזונדערס באַמערקט ווען ער האָט מיט אונדז געלערנט שיר השירים. ער אַליין איז געווען דער פאַרליבטער און האָט אויפגעשטראַלט ביי דער שילדערונג פון ליבשאַפט און פאַרערונג פון די קאַ־פּיטלען.

סאַלעס האָט אין זיינע פאַר ווערטער באַדאַנקט די אַראַנזשירערס. ער האָט געמאַכט אַ קורצן איבערבליק איבער דעם וואָס מ'האָט געלערנט ביז איצט. ער האָט געזאָגט אַ זאָויך ער האָט גרויס הנאה סיי צוגרייטנדיק די לעקציעס, סיי אָפּפרישנ־דיק דאָס אַלץ און זיך אַליין, און אויך לערנענדיק. ער זאָגט צו ממשיך צו זיין דעם שיעור נאָך די ימים טובים.

עסן און טרינקען איז געווען כיד המלך. בנימין שאָ, איינער פון דער חברה, האָט געבראַכט אַ גרויסן טאָרט (קעיק) מיט אַן אויפשריפט צו ר' זאב וואָלף סאַלעס מתלמידיו. דער פאָרזיצער האָט באַדאַנקט אַלע וועלכע האָבן געהאָלפן אין דער צו־גרייטונג, אויך דעם „קאָונסיל אָוו דזשו־איש וואָמען" פאַר זייער גאַסטפריינדלעכ־קייט צו געבן אונדז דעם לאָקאַל פריי די אַלע יאָרן.

**א. ר—ן**

